# פיניעלע מזיק
## גיט לשון



כעורע, כאָב ענק יענע וואָך שוין גיזאָגט, מיזאָל מאַכן אַביסל פּאָזשאָנדעק אין באַליט, כאָמיך אַפילוק געוואָלט וואַשן צי די וועהטסלאַט, צי די העבטאַקיס, וואָס סאַט זיי אַ גאַנצן זימער געוואָרפן און אַבן אַף אינדזערע באַליטער גימאַכט סעקס־מיסיעס, באָר כאָב מיך איבערגילייגט, אז צינערשט דאַרף מע מאַכן אַ פּאָזשאַנדעק מיט דער כעורע קידישע.

צאַט גיזעצן, ווי די ווילקער כעיסיה שבעל עמיס בראָיצן אַרים. ס׳גישפּעלט זיי ניש, וואָס באַליט אַט אזאַלכענע פלאָקענשיטערס ווי די ווילקער וואָס אָבן זיי גימיינט, אז באַליטער קנאַלטיקערס קענע ניש בעגרובן אַ ייד פינקט אזוי ווי די ווילקער? מיר, באַליטער, זענע מוֹיכעל די ווילקער טוֹיוויס. מיר אָבן אינזערע אייגענע אינטעסטיציעס פינקט ווי די ווילקער. זיי אָנע אַ ליבּיס ניכוילים און מיר אָנע אַ שמוירעס ניכוילים, די ווילקער אָבן יסוימגם אין רמקאָזסקיגובעק און מיר אָבן יסוימים אָף דער זגערזשער 40, זיי אָנע אַ כעיסיה שבעל עמיס און מיר אָנע אַ כעורע קידישע.

ני, אָנע זיי, די ווילקער כעיסיה שבעל עמיס־ניקעס גרויסע אויגן אָף אינדזער כעורע קידישע. כאַפּט זיך אַ באַליטער העכטל, ווילן זיי, די ווילקער עליעם בעגרובן, טיט זעך אַ גאַנצע מילכּוֹמע צישן ווילקער געלן קאָפּל מיטן באַליטער שוואַרצן דוֹביד, ציי האַסן זעך אַרים באַ די בעו.

ני, אַב איך בעשלאָסן אַ סאָף צו מאַכן צי דעם מייסים־געיעג פין די ווילקער מיט די באַליטער. ס׳ערשטע וואָס איך על מאַכן עט זאַן, אז דער שוואַרצער דוביד עט מוזן גיין פלייטע אַלס פּרעזוס פין דער באַליטער כעורע קידישע, און אָף זאַן בענקל עט אַראָף אינדזערס אַ יאַטל פין שמולן געסל, און אז אינדזערס אַ יאַטל עט זאַן ביי דער שיסל, עט זאַן אַ פּאָזשאַנדעק אין דער כעורע קידישע.

דערוואַל אָץ מיר אַ גיטן שאַבּים און זאָצט אַר גיזינט!

# דעם „נדבנ׳ס" רחמנות
## כמעט אַנ׳אמת׳ע מעשה

צום היגען גביר און „נדבן" ב. איז געקומען אַ קרוב און זיך בעקלאָגט:

— איך בין אומגליקליך, איך בין אינגאַנצען רואינירט. די פּערפּליצונג האָט פון מיר אַ תּל געמאַכט. מיין ווייב איז געשטאָרבען, די קינדער זענען קראַנק, איך אַליין דאַרף האָבען אַנ׳אָפּעראַציע...

— סטאַשע, האָט דער „נדבן" געשריגען, וואַרף איהם אַזוי פאַרט אַראָפּ פון אַלע טרעפּען, וואָרום טאָמער רעדט ער נאָך איין וואָרט, וועט מיר דאָס האַרץ פּלאַצען פון רחמנות...

# ר׳ איטשעלעס מפּלה
## די מפּלה פון שטרויענעם אַלמן

ר׳ איטשעלע סאָבאַטשאַזער איז די טעג אַריינגעפאַלען אין קאָמיסאַריאַט און געמעלדען דעם דזשורנעם פּשאָדאָווניק:

— פאַניע קאָמיסאַזשו, די היינטיגע נאַכט האָט מען ביי מיר צוגעגנב׳עט אַ טעקע מיט 150 זלאָטים.

— ווי זעהט זי אויס? — האָט דער זשורנע געפרעגט.

— בלאָנדינקע, מיטעלע וואוקס, אין אַ בלויען מאַנטעל, אַביסעל שיקעלדיג — האָט ר׳ איטשעלע סאָבאַטשאָזער געענטפערט.

# אויף דער סטאַציע אַנדזשעיעוו
## נאָכן דאַטשע־סעזאָן

נאָכ׳ן דאַטשע־סעזאָן געהט פון דער באַהן אַראָפּ איין פּאַסאַזשיר, דער בילעטער וואָס נעמט אָפּ די בילעטען שרייט:

— נישט שטויסען זיך!

— לויט דער רייהע!

— וואָס שרייט איהר? — זאָגט זיך דער פּאַסאַזשיר געוואונדערט — איך בין דאָך איינער אַליין?

— וושיסטקאָ יעדנאָ — אַזאַ אינסטרוקציע האָב איך און איך מוז אויספיהרען די פּשעפּיסען — האָט דער בילעטער געענטפערט.

# פערשפּעטיגט די מעדיצין

דאָקטאָר: האָט איהר גענומען די מעדיצין פאַר׳ן שלאָפען.

קראַנקער: ניין.

דאָקטאָר: פאַרוואָס?

קראַנקער: פאַר׳ן שלאָפען געהען האָב איך פערגעסען, און אַז איך האָב זי שוין געוואָלט נעמען, האָב איך מיך אויפגעוועקט, אַז איך שלאָף שוין.

# אויפן אַלטען מאַרק

ייד (צו אַ קרעמער): כ׳בעט איך, טוט מיר אַ טובה און טוישט מיר אויס די 5 זל. אויף קליין געלד.

קרעמער: די 5 זל. זענען דאָך פאַלש.

ייד: נו, דאָס וועט דאָך זיין די טובה!

# דאָס קאָן ער געבען

אָרימאַן (צום הויזוויירט): גיט אַ נדבה.

הויזווירט: נישטאָ, וואָס צו געבען, איך קאָן אייך געבען אַנ׳עקסמיסיע.

סאַקראַטעס

# די דריי זאַכען

צו דריי זאַכען מוז מען האָבען געלד אַ גאַנצע קופּע:

אַז מ׳האָט אַ ווייב אַ קליפּה,

אַז מ׳ליגט אַ וואָך אויף דער גריפּע,

אַז מ׳האָט אַ כּוֹץ בּוֹגרת׳ן, וואָס אַלע זענען ראוי לחופּה.

סאַקראַטעס

# א שרעקליכע זאַך
## שמועס אין פּאַרק

— יאָ, מיין פריינד, חתונה האָבען איז טאַקע אַ פיינע זאַך, אָבער האָבען אַ ווייב — דאָס איז שרעקליך!

# דער אמת׳ער דראַנג

— איך האָב בעצאָהלט פאַר מיין שטעקען 20 זלאָטים.

— און אונזער גבאי האָט בעצאָהלט פאַר אַ דראַנג 200 זל.

— פאַר וועלכען דראַנג?

— פאַר אונזער חזן.

סאַקראַטעס

# א מאַן א שאַרלאַטאַן

— וואָס זאָגען זי נישט רבקה׳שי, צו מיין אומגליק, מיין מאַן, דער שאַרלאַטאַן, איז אוועק פון מיר און האָט מיר גאָרנישט איבערגעלאָזט.

— טאַקע? נו, ער האָט דאָך איהן איבערגעלאָזט אַ שעהן געראָטען קינד?

— זאָל ער אַזוי לעבען, דער כאַליערניק, צו ס׳איז זיינס!...

סאַקראַטעס

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 199
פרייטאַג, דעם 24 אויגוסט 1934

# אוי, די פּרעסערס!...




איהר מיינט, אַז דאָס היט ער גנבים? —

אַך, דאָס היט ער די בּחנמדיגע פּרעסערס,

זיי זאָלען נישט ביינאַכט אַנטלויפען

אהן אַ „זייַ געזונד"...

